בס"ד

מטות-מסעי תשפ"ד

גליון 201

# דעם רבינ'ס ליכט



אײַערע קינדער זאָלט איר מודיע זיין
וואָס דאָ האָט זיך געטאָן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

### אַן אָרט פון קלאָרקייט...

קינדערלעך, לאָמיר זיך פאָרשטעלן אַז עס שטייט אַ גרויסע שיינע זאַל, אויסגעצירט מיט גאָר שיינע בילדער און ווען אַ איד טוט עפּעס אַ מצוה אָדער אַ גוטע זאַך גלייך גייט די מצוה אַריין אין דעם שיינעם בנין און עס ווערט פון דעם העררליכע קאָלירטע בילדער, שיינע מאָלערייען און פאַרהאַנגען א.ד.ג. ווער קען זיך אויסמאָלן דאָס שיינקייט פון דעם בנין.

דער בית המקדש ווערט אָנגערופן "בית קדשנו ותפארתנו", אונזער הייליגער וואונדערליכער הויז" ווייל דאָרט פלעגט שיינען און לייכטן די מעשים טובים און מצוה'לעך פון די אידישע קינדער, אַלע גוטע זאַכן און מצוות וואָס די אידן האָבן געטון איז אַרויף אין בית המקדש און איז געוואָרן דאָרטן אויסגעמאָלן פון דעם העררליכע באַצויבערטע בילדער. אַזוי אויך איז געווען דאָרט דער מקור פון די תורה, אַזוי ווי עס שטייט אין תורה כי יפלא ממך דבר.. וקמת ועלית אל המקום, אין בית המקדש איז קלאָר געוואָרן פאַרן איד אַלע זיינע שאלות און ספיקות וואָס איז אים געווען אומקלאָר.

יענע צייטן אויב איז שווער געווען פאַר אַ איד עפּעס אַ שאלה אין די תורה איז ער אַרויף קיין ירושלים און דאָרט אין בית המקדש זענען געזעצן די הייליגע סנהדרין אין לשכת הגזית, דאָרט האָט מען מברר געווען אַלע הלכות פון די הייליגע תורה און באַקומען עצות וויאַזוי צו מקיים זיין די תורה בשלמות.

אַזוי אויך איז אין בית המקדש געווען דאָס דאַוונען בשלמות. אַזוי ווי ס'שטייט "ובאו והתפללו אל הבית הזה (דברי הימים ב׳ ו, לב), מיר זאָגן יעדן טאָג ביים דאַוונען "כי ביתי בית תפלה יקרא לכל העמים, מיין הויז, אַ הויז פון תפלה.

דורך דער בית המקדש האָבן די אידישע קינדער געהאַט אַ שיינקייט, ווייל דאָרט איז פאַרצייט געוואָרן אַלע זינד פון די אידישע קינדער, די אידן האָבן געהאַט אַ געוואַלדיגן התפארות, אַלע פעלקער האָבן געוואוסט אַז דער אויבערשטער באַרימט זיך מיט זיין פאָלק.

אויף די אַלע זאַכן קלאָגן מיר און מיר בענקען זיך צו דעם, מען פירט זיך דינים און הלכות פון די דריי וואָכן צו ווייזן אַז מיר זענען זיך חס ושלום נישט מייאש, נאָר מיר האָפן יעדן טאָג אויף די





ליינט וועגן הפצה קינדער אויף זייט 3

המשך פון זייט 1

גְאוּלָה, אַזוֹי וִוי רַשִ״י הַקָדוֹשׁ בְּרֶענְגְט אִין אָנְהֵייבּ מְגִלַת אֵיכָה ״הָיְתָה כְּאַלְמָנָה״, כְּלַל יִשְׂרָאֵל זֶענֶען אִיצְטֶער וִוי אַן אַלְמָנָה, נִישְׁט אַן אַלְמָנָה מַמָשׁ, נָאר אַזוֹי וִוי אַ פְרוֹי וָואס אִיר מַאן אִיז אַוֶועק גֶעפָארְן אוֹיף גָאר אַ וַוייטֶע וֶועג אוֹיף זַייעֶר אַ לַאנְגֶע צַייט, אוּן זַיין פְרוֹי וַוארְט אוּן בֶּענְקְט צוּ אִים.

אַזוֹי אוֹיךְ כְּלַל יִשְׂרָאֵל וַוארְטְן שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל שׁוֹין קוּמֶען צוּרִיק אַהֵיים מִיט אוּנְז, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעזָאגְט פַאר דִי אַלֶע וָואס קְלָאגְן אוּן בֶּענְקֶען אוּן וַוארְטְן אוֹיף דִי גְאוּלָה אַז עֶר וֶועט זֵיי צוּרִיק גֶעבְּן דָאס שֵׁיינְקַייט, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט לָתֵת לָהֶם ״פְּאֵר״ תַּחַת ״אֵפֶר״.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז בִּזְכוּת אוּן מִיטְן כֹּחַ פוּן דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן וָועלְכֶע זֶענֶען מְקַיֵים בִּפְשִׁיטוּת דִי הֲלָכוֹת פוּן בֵּין הַמְצָרִים, זֵיי הָאפְן צוּ דִי גְאוּלָה זָאלְן מִיר שׁוֹין זוֹכֶה זַיין דָאס יָאר צוּ זֶען דִי בֵּית הַמִקְדָשׁ מִיט אִיר פְּרַאכְט בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

## אוֹיף וֶועמֶען דַארְף מֶען קוּקְן גוּט?!

ר' גֶעצִי זַ"ל הָאט אֵיינְמָאל גֶעזָאגְט:

״מֶענְטְשְׁן פִּירְן זִיךְ וֶוען זֵיי בַּאגֶעגֶענֶען אַ מְחַלֵל שַׁבָּת א.ד.ג. זוּכְט מֶען אִין אִים פָּארְט אוֹיף עֶפֶּעס אַ נְקוּדָה טוֹבָה, אוּן וֶוען מֶען טְרֶעפְט אִין אִים עֶפֶּעס אַ נְקוּדָה טוֹבָה וִוי לְמָשָׁל אַז עֶר מַאכְט אַ בְּרָכָה א.ד.ג אִיז מֶען שׁוֹין מְלַמֵד זְכוּת אוֹיף אִים אוּן מֶען פְרֵייד זִיךְ מִיט אִים . פוּן צְוֵוייטְן זַייט וֶוען טְרֶעפְט מֶען אַ קְלֵיינֶע אוּמְרֶערְכְט בַּיי אַן עֶרְלִיכְן אִיד וָואס אִיז מְקַיֵים דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אוּן דִינְט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, זַיינֶע קִינְדֶער שִׁיקְט עֶר אִין אִידִישֶׁע מוֹסָדוֹת א.א.וו טוּט מֶען אָבֶּער גְרִינְגְשֶׁעצְן אוּן מֶען מַאכְט אִים אִינְגַאנְצְן אַוֶועק אָן קַיין שׁוּם לִמוּד זְכוּת אוּן אָן קַיין רַחֲמָנוּת!״ (שִׂיח שרפי קודש)



בִּפְרָט וֶוען מֶען לֶערְנְט יֶעצְט תּוֹרָה א' אִין צְוֵוייטְן חֵלֶק וואוּ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז נִישְׁט צוּ דַן זַיין אוּן מַאכְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוֹיף מֶענְטְשְׁן וָועלְן מִיר דָאס גוּטֶע אֵיינְ'חַזְרְ'ן אוּן בֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער צוּ הָאבְן גוּטֶע אוֹיגְן צוּ דַן זַיין נָאר לְכַף זְכוּת.

# הַמְפָצָה קינדער

קינדער פון מפיצים דערציילן אלעס ארום הפצה

המשך פון פאריגע וואך.

## וֶועלְכֶע נִגּוּנִים פוּן בְּרֶסְלֶב קֶענְסְטוּ אוּן הָאסְט הֲנָאָה דֶערְפוּן?

קָהּ רִבּוֹן עָלַם וָואס מֶען זִינְגְט בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת אוּן כָּל מְקַדֵּשׁ.

## דוּ זִינְגְסְט מִיט דִי זְמִירוֹת שַׁבָּת בַּיים טִישׁ?

אִיךְ זִינְג מִיט מַיין טַאטֶע, בַּיי שָׁלֹשׁ-סְעוּדוֹת זִינְג אִיךְ זַייעֶר הוֹיךְ מִיט דִי קִינְדֶער אִין שׁוּל.

## זַייעֶר שֵׁיין אַז דוּ פָאלְגְסְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דוּ וֵוייסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זַייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל זִינְגֶען דִי זְמִירוֹת פוּן שַׁבָּת אוּן מְלַוֶּה מַלְכָּה, דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דֶער עִיקָר אִידִישְׁקַייט אִיז תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת (ליקוטי מוהר"ן תנינא תורה ק"ד), אִין שׁוּל בַּאקוּמְט מֶען גוּטֶע זַאכְן אִיז גְרִינְגֶער צוּ זִינְגֶען?

נִישְׁט מַמָּשׁ, נָאר דָארְט בִּין אִיךְ צוּגֶעווֹאוֹינְט צוּ זִינְגֶען הֶעכֶער!

## לָאמִיר צוּרִיקְגֵיין אַבִּיסְל צוּ הֲפָצָה, דוּ וֵוייסְט וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער בְּרֶסְלֶבֶ'ער מֵפִיץ?

עה... ר' נָתָן הָאט גֶעזָאגְט אֵייעֶר עִיקָר זַאךְ זָאל זַיין צוּ פַאְרשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּי'נְס זַאךְ, מִיט טִרְחָה רָצוֹן, אוּן גֶעלְט.

## ר' נָתָן אַלֵיין הָאט זִיךְ אוֹיךְ אַרוּמְגֶעדְרֵייט אוּן שׁוּלְן אוּן פַארְקוֹיפְט דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים אוּן דָארְט גֶערֶעדְט פוּן רֶבִּי'נְס גְרוֹיסְקַייט.




אִיךְ הָאבּ זִיךְ אֵיין יָאר פַארְשְׁטֶעלְט פַאר אַ מֵפִיץ אוּן גֶעטֵיילְט תִּיקּוּן הַכְּלָלִי'ס, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ קַאסְקֶעטְל אוּן אַ כַאלַאט מִיט אַ אוֹיפְשְׁרִיפְט פוּן אַ שִׂיחָה וֶועגְן הֲפָצָה אוּן גֶעהַאט אַזַא זֶעקְל מִיט תִּיקּוּן הַכְּלָלִי'ס. אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן פַאר דִי פּוּרִים מְסִבָּה פַאר אַלֶע חֲבֵרִים אַ תִּיקּוּן הַכְּלָלִי. נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אֵיינֶער פוּן מַיינֶע חֲבֵרִים בֶּענְטְשְׁט אִין דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, עֶס אִיז שׁוֹין אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעבְּרוֹינְט, אָבֶּער עֶר הָאט עֶס נָאךְ. עֶס שְׁטֵייט דָארְט אוֹיךְ מִנְחָה, מַעֲרִיב אוּן בֶּענְטְשְׁן.

## הָאסְט גֶעזָאגְט תִּיקּוּן הַכְּלָלִי בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיּוּן?

לֶעצְטֶע יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאבּ אִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זָאגְן 42 אָדֶער 72 מָאל דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי דוּרְכְאוֹיס דִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה טֶעג.

## לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת זָאגְסְטוּ שׁוֹין?

אִיךְ בִּין שׁוֹין אַדוּרְךְ אַ גְרוֹיס חֵלֶק פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע בַּאנְד לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת אוֹיף אִידִישׁ, אִיךְ הָאף בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם צוּ זָאגְן דִי אִיבֶּערִיגֶע דְרַיי בֶּענְדֶער.

## וָואס טוּט זִיךְ מִיט הִתְבּוֹדְדוּת?

אַ שְׁטִיק צַייט פְלֶעג אִיךְ פָארְן מִיט מַיין טַאטֶע נֶעבְּן מַיין שְׁטוּבּ אִיז דָא אַ וַואלְד דָארְט פְלֶעג אִיךְ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת. אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען אַ צֶעטְל פוּן

חֵדֶר פַּאר פֶּסַח פוּן אַלֶע לִמּוּדִים וָואס מֶען דַארְף לֶערְנֶען מֶשֶׁךְ דִי יוֹם טוֹב טֶעג אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן אִיז גֶעוֶוען צוּ מַאכְן פִינְף מִינוּט הִתְבּוֹדְדוּת.

**וָואס קֶען מֶען מַאכְן עֶפֶּעס אַן אִיבֶּערַאשׁוּנְג אִין רֶבִּי'נְס לִיכְט אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ אוּנְטֶערְנֶעמֶען צוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת בִּפְרַט יֶעצְט פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה?**

מֶען קֶען מַאכְן אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעוֶוען פַארְאַיָאר, אַז וֶוער עֶס הָאט גֶעלֶערְנְט אַ סֵפֶר דוּרְכְאוֹיס חֹדֶשׁ אָב-אֱלוּל הָאט בַּאקוּמֶען אַ מַתָּנָה.

**אָבֶּער פִיר מִינוּט רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער קֶען יֶעדֶער אִינְגְל זִיךְ אוּנְטֶערְנֶעמֶען צוּ טוּן פַארְן זִיךְ לֵייגְן שְׁלָאפְן אֲפִילוּ אָן אַ מַתָּנָה, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מַתָּנָה אוּן יְשׁוּעָה אַז מֶען רֶעדְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן!**

**דוּ לֵייְנְסְט דֶעם רֶבִּי'נְס לִיכְט?**

דִי בְּחִינוֹת מַאךְ אִיךְ יֶעדֶע וָואךְ, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט צוּ לֵיינֶען וֶועגְן דֶעם אִינְגְל מֵפִּיץ אִין צְפַת. אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ לֶעצְטֶע וָואךְ פְּרוּבִּירְט צוּ מַאכְן דִי פַארְדְרֵייטֶע וֶועג צוּ אָנְקוּמֶען קַיין אוּמַאן,

**בִּיזְט אָנְגֶעקוּמֶען?**

נָאךְ אַסַאךְ וַואנְדֶערְן! דִי מְשָׁלִים פוּן רֶבִּי'ן לֵיין אִיךְ אוֹיךְ צוּמָאל.

**וֶועלְכֶע מָשָׁל פוּן רֶבִּי'ן גֶעדֶענְקְסְטוּ?**

דִי מָשָׁל פוּן דִי פַארְמַאכְטֶע הֶענְט. אַז דֶער יֵצֶר הָרָע הַאלְט פַארְמַאכְט זַיין הַאנְט אוּן יֶעדֶער לוֹיפְט אִים נָאךְ מֵיינֶענְדִיג אַז זַיינֶע תַּאֲוֹות לִיגְן דָארְט אִין דִי פַארְמַאכְטֶע הַאנְט. אוֹיךְ דִי מָשָׁל פוּן דֶעם וָואס הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר הָאט גֶעשָׁאסְן דִי חַיָּה וֶוען אֵיינֶער אַ שִׁיסֶער אִיז גֶעוֶוען פוּן אוּנְטֶער אִים אוּן עֶר הָאט דָאס גֶעטוּן. דִי מְשָׁלִים הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אִין אַ בִּיכְל מִיט בִּילְדֶער.

**חוּץ פוּן בִּילְדֶער, וֶועלְכֶע אִידִישֶׁע סְפָרִים לֵייְנְסְטוּ?**

דִי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן ר' שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי, אוּן פוּן רֶבִּי'ן, אוּן בַּאלַייכְטוּנְגֶען.

**וִויאַזוֹי קֶען מֶען אוֹיסְהֶערְן דֶעם שִׁיעוּר אִין חֵדֶר אוֹיבּ קִינְדֶער הָאבְּן לִיבּ בִּילְדֶער?**

מַיין רֶבִּי אִיז זֵייעֶר גוּט מַסְבִּיר עֶר לֵייגְט אַרַיין אִין אוּנְז אַ חֵשֶׁק צוּם לֶערְנֶען, אוֹיךְ חַזֵר אִיךְ דִי גְּמָרָא אַזוֹי קֶען אִיךְ גוּט בָּרוּךְ ה'.

**מִן הַסְּתָם בִּיסְטוּ אוֹיךְ מִתְפַּלֵּל צוּם בַּאשֶׁעפֶער בַּיי וְהַעֲרֶב נָא, אוּן אוּן בַּיי וְהָאֵר עֵינֵינוּ. צוּם שְׁלוֹם, הָאסְט זִיכֶער עֶפֶּעס אַ מַעֲשֶׂה וֶוען דוּ הָאסְט גֶעבֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער עֶפֶּעס אוּן בַּאקוּמֶען דֶעם תֵּירוּץ.**

פַארְאַיָאר בִּין אִיךְ גֶעפָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. מַיין טַאטֶע אִיז גֶעפָארְן אַבִּיסְל פְּרִיעֶר מִיט מִיר, זֶענֶען מִיר גֶעוֶוען צְוֵויי טֶעג אִין בְּרֶסְלֶב. וֶוען אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אוּנְזֶער דִירָה אִין אוּמַאן אִיז מִיר גֶעוֶוען אַבִּיסְל שְׁוֶוער נָאךְ אַפָּאר טֶעג נִישְׁט זַיין אִין חֵדֶר אָן זִיךְ טְרֶעפְן מִיט חֲבֵרִים, הָאבּ אִיךְ אוֹיף דִי טְרֶעפּ אַרָאפּ פוּן אוּנְזֶער דִירָה מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אִיךְ זָאל טְרֶעפְן עֶפֶּעס אַ חָבֵר צוּ קֶענֶען שְׁמוּעֶסְן אַבִּיסְל, וִוי נָאר אִיךְ קוּם אַרוֹיס פוּנֶעם בִּנְיָן בַּאגֶעגְן אִיךְ אַ חָבֵר פוּן מַיין חֵדֶר!

אוֹיךְ אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים פוּן אוּמַאן הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט מִיט מִיר אַ מַתָּנָה וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען בַּיי דֶער תִּיקוּן הַכְּלָלִי פַאר קִינְדֶער, אַזֶעלְכֶע בַּאלָאנְס וָואס לִיגְט אִין דֶעם אַזַא סָארְט וַואסֶער, מַיין טַאטֶע הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז ס'אִיז זֵייעֶר מֶעגְלִיךְ אַז מֶען וֶועט עֶס נִישְׁט אַרִיבֶּערְלָאזְן בַּיים גְרֶענִיץ, הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אוּן טַאקֶע דִי גְרֶענִיץ בַּאאַמְטֶע הָאט עֶס אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן רֶענְצְל, זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעוִוינְקְן צְוִוישְׁן זִיךְ אוּן מַלְאַךְ רַע בַּעַל כָּרְחוֹ יַעֲנֶה אָמֵן, זֵיי הָאבְּן עֶס אַדוּרְכְגֶעלָאזְט.

**אַ גְרוֹיסְן דַאנְק פַאר דַיין טַייעֶרֶע צַייט, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאל וַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק אוּן גֵיין אִין הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס וֶועגְן.**





# לעובדא ולמעשה

הָרַב הֶחָסִיד ר' שְׁמוּאֵל מֵאִיר אַנְשִׁין זַ"ל הָאט גֶעקֶענְט שְׁפִּילְן אוֹיף דְרַיי סָארְטְן כְּלֵי נְגִינָה. וֶוען עֶר אִיז גֶעצְוואוּנְגֶען גֶעוָוארְן אַלְס בָּחוּר צוּ זַיין אַ סָאלְדַאט אוּן דִינֶען אִין דֶער אַרְמֵיי פוּנֶעם צַאר נִיקָאלַיי יְמַּח שְׁמוֹ הָאט עֶר אוֹיסגֶעקְלִיבְּן צוּ דִינֶען בַּיי דֶער אָפְּטֵיילוּנְג פוּן דִי שְׁפִּילֶערְס. אוּן טְרָאץ זַיין חוּשׁ צוּ נְגִינָה הָאט עֶר אַלֶעס אַוֶועקְגֶעוָוארְפְן וֶוען עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען מִיט יָארְן שְׁפֶּעטֶער אַרוֹיפְצוּקוּמֶען קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. עֶר הָאט מֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט שְׁפִּילְן אוֹיף קַיין שׁוּם כְּלֵי נְגִינָה, אוֹיסֶער אֵיין מָאל בַּיים יָארְצַייט פוּן רֶבִּי'ן זַ"ל הָאט עֶר אַבִּיסְל גֶעשְׁפִּילְט אוֹיף אַ פִידְל. עֶר הָאט זִיךְ אַמָאל אוֹיסְגֶערֶעדְט פַאר אֵיינֶעם אַז עֶר וָואלְט גֶע'חַלְשְׁ'ט צוּ שְׁפִּילְן אוֹיף אַ קְלַארִינֶעט אבֶער וִוי אַזוֹי קֶען עֶר דָאס טוּן וֶוען דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וָואס שְׁטֵייט חָרוּב אַנְטְקֶעגְן זַיינֶע אוֹיגְן...

(משפחת אנשין)

וֶוען הָרַב הֶחָסִיד ר' שְׁמוּאֵל הוֹרוִויץ זַ"ל אִיז עֶלְטֶער גֶעוָוארְן הָאט עֶר גֶעוואוֹינְט בַּיי זַיין טָאכְטֶער אֵשֶׁת הָרַב הֶחָסִיד ר' מָרְדְּכַי אֶלְעָזָר רָאזֶנְפֶעלְד זַ"ל, וֶועלְכֶע הָאבְּן אִים גֶעטְרַיי בַּאדִינְט אוּן צוּגֶעשְׁטֶעלְט אַלֶע זַיינֶע בַּאדֶערְפֶענִישְׁן. אִין אֵיינֶע פוּן דִי טֶעג אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה אַז אִידְן קֶענֶען שׁוֹין צוּרִיק קוּמֶען וואוֹינֶען אִין אַלְט שְׁטָאט פוּן יְרוּשָׁלַיִם. (בִּיז דֶעמָאלְט אִיז דֶער מָקוֹם הַמִּקְדָּשׁ אוּן דֶער גַאנְצֶער גֶעגְנְט אַרוּם גֶעוֶוען אַיינְגֶענוּמֶען אוּנְטֶער דִי יַרְדֶנִ'ישֶׁע אַרַאבֶּער.) ר' שְׁמוּאֵל הָאט גֶעבֶּעטְן זַיין אֵיידִים אוּן טָאכְטֶער אוֹיבּ זֵיי זֶענֶען גְרֵייט זִיךְ צוּ אַרִיבֶּערְצִיעֶן אַ דִירָה אִין אַלְט שְׁטָאט. ר' מָרְדְּכַי אֶלְעָזָר הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען אָבֶּער גֶעלֵייגְט אַ תְּנַאי אַז פוּן דִי דִירָה זָאל מֶען נִישְׁט קֶענֶען זֶען דֶעם מָקוֹם הַמִּקְדָּשׁ, וֶוען עֶר עֶרְקְלֶערְט זַיין תְּנַאי מִיט וֵוייטָאג: "וִוי קֶען מֶען עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען וֶוען מֶען זֶעהְט פוּן פֶּענְסְטֶער דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ חָרוּב?"

(אבקשה לבית, שבועות תשפ"ד)

# וואו איז דיין פּאַספּאָרט?



איינער פון די גרויסע ליכטיגע תּלמידים פון רבּי'ן, וואס איז געווען אַ גרויסער חידוש אין זיין הייליגע עבודה, איז געווען ר' ישׂראל הײלפּרין זצ"ל, מען פלעגט אים אויך רופן ר' ישׂראל קאַרדונער. עס איז שווער צו באַשרייבן זיין הייליגע עבודה, וואס איז געווען אַזוי שטיל און באַשיידן נאָר צווישן אים און דעם הייליגן באַשעפער, ווער עס האָט נאָר געקוקט אויף זיין לערנען און דאַווענען, אָדער אַפילו סתּם אַזוי זיין רעדן מיט מענטשן, איז שטאַרק נתעורר געוואָרן צו תּשובה. גאָר אַסאַך שעה'ן פלעגט ער פאַרברענגען אין וואַלד צווישן די ביימער, דאָרטן לערנען תּורה און רעדן צום אויבערשטן.

זיין רעדן צום באַשעפער איז געווען ממש אַזוי ווי מען רעדט צו אַ גוטער פריינד, אַזוי ווי זיין תּלמיד ר' ישׂראל בער אָדעסער ז"ל האָט דערציילט, ער האָט אים אַמאָל געטראָפן אין וואַלד און געהערט ווי ער לייגט פאָר זיינע שאלות פאַרן אויבערשטן מיט אַ מורא'דיגע זיסקייט און תּמימות: "טאַטע, פון איין זייט וויל איך אַזוי טון, אָבער פון צווייטן זייט איז אַזוי און אַזוי וואס זאָל איך טון? די פּירות פון זיין פיל התבודדות פלעגט מען זען אויף זיין געוואַלדיגע ישוב הדעת, און דעם חן של אמת וואס האָט געשיינט פון זיין ליכטיגן געזיכט.

ר' חיים איטשע כּהן וואס איז געווען אַ חשוב'ער ביאַנ'ער חסיד, איז אַמאָל געפאָרן מיט זיין זוהן ר' משה, אַריינצוגיין צו עטליכע צדיקים אין חוץ לאָרץ, אויפן וועג צוריק פון חוץ לאָרץ קיין ארץ ישׂראל, פאָרנדיג אויפן שיף האָבן זיי אָנגעטראָפן ר' ישׂראל קאַרדונער וואס איז דעמאָלס אויך געפאָרן זיין נסיעה קיין ארץ ישׂראל, זיי האָבן זיך אַזוי צאַמגערעדט צוזאַמען, ווען ר' חיים איטשע האָט פלוצלונג געפרעגט: "זאָג מיר ר' ישׂראל האָט איר באַקומען אַ פּאַספּאָרט צו אַריינקומען אין ארץ ישׂראל, (עס איז דעמאָלס געווען אין די צייט וואס די טערקן האָבן געוועלטיגט אין ארץ ישׂראל, עס איז זייער שווער געווען צו באַקומען אַ פּאַספּאָרט אַריינצוגיין) צו זיין וואונדער האָט אים ר' ישׂראל געענטפערט ניין! איך האָב נישט קיין פּאַספּאָרט!

אוי וויי, האָט זיך דער חסיד זייער דערשראָקן, ווי אַזוי פאָרט איר אַזוי רואיג, איר ווייסט דאָך אַז די טערקן זענען זייער שטרענג, קען זיין אַז די גאַנצע לאַנגע נסיעה אויפן שיף און די געלט מיט די טרחה איז אַלעס אומזיסט, די טערקן וועלן אייך נישט לאָזן אַריינגיין אָן פּאַפּירן.

אָבער ר' ישׂראל איז געבליבן געלאַסן, און האָט געענטפערט: "איך האָב זיך מיישב געווען וועגן דעם, מיין רבּי ר' נחמן מברסלב זי"ע האָט געלערנט אַז צו די גרויסקייט פון ארץ ישׂראל קען מען זוכה זיין אַפילו נאָר מיטן גיין ד' אמות אין די הייליגע לאַנד, האָב איך געטראַכט צו מיר, ממה נפשך אויב וועט מען מיר לאָזן אַריינגיין איז זיכער גוט, און אויב נישט, איז דאָך דאָ אַ שטיקל וועג פון וואו די שיף דערגרייכט דער ברעג פון ים, ביז די פּלאַץ וואו די שומרים שטייען און קוקן איבער די פּאַפּירן פון יעדן איינעם, איז דאָ מער ווי פיר טריט צו גיין, קען טאַקע זיין אַז זיי וועלן מיר באַלד אַהיים שיקן צוריק, וועל איך כאָטש מיט די קורצע וועג פון די שיף ביז די שומרים, זוכה זיין מיטן אויבערשטנ'ס הילף צו זיין אין ארץ ישׂראל!

צום סוף האָט ר' ישׂראל זוכה געווען אויסצופירן זיינע הייליגע כּסופים לפועל, מען האָט אים געלאָזט אַריינקומען אין ארץ ישׂראל אָן קיין שום עיכוב אָדער שטער. ר' משה כּהן האָט דערציילט די מעשה פאַר הרב החסיד ר' ישׂראל נחמן בורשטיין ז"ל און האָט אים געזאָגט: "מיין טאַטע איז אַזוי נתפּעל געוואָרן פון די תּמימות'דיגע תּשובה פון ר' ישׂראל, און האָט מיר געזאָגט: "געב אַ קוק די גרויסקייט פון אַן אמת'ע אמונת צדיקים מיט אַזאַ פּשטות, וואס קען צעברעכן אַפילו אַזעלכע אייזערנע מויערן".

(אוצר נחמני קי"ד)

אוּן סְ'אִיז בַּיי זֵיי גֶעוֶוען אַ וואוּנְדֶער בַּיי דִי 'לַייט' [פוּן יֶענֶעם שְׁטָאט]:

"אַז סְ'זָאל זִיךְ גֶעפִינֶען אַ 'מֶענְטְשׁ', וָואס עֶר זָאל צוּ זֵיי קוּמֶען, אוּן זָאל זֵיי אַזוֹינְס זָאגְן, גָאר אַקֶעגְן זֵייעֶר 'אֱמוּנָה'"! הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעשְׁטוֹיסְן [דֶערְשְׁפִּירְט]: "אַז דָאס מוּז זַיין דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָה'"!

וָוארְן זֵיי הָאבְּן שׁוֹין גֶעהֶערְט: "אַז סְ'אִיז פַארְהַאנְדְן [פַארְהַאנֶען] אַזוֹי אַ [אַזַא] 'בַּעַל־תְּפִילָה' אוֹיף דֶער וֶועלְט"! – וָוארְן דִי זַאךְ פוּן דֶעם 'בַּעַל־תְּפִילָה', אִיז שׁוֹין מְפוּרְסָם גֶעוֶוען אוֹיף דֶער וֶועלְט (כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]), אוּן מֶען פְלֶעגְט אִים רוּפְן אוֹיף דֶער וֶועלְט: "דֶער פְרוּמֶער 'בַּעַל־תְּפִילָה'"!

נָאר זֵיי הָאבְּן אִים [בִּיז הַיינְט] נִישְׁט גֶעקֶענְט [דֶערְקֶענֶען, אוּן] כַאפְּן! – וָוארְן עֶר הָאט זִיךְ בַּיי אִיטְלֶעכְן אַנְדֶערְשׁ פַארְשְׁטֶעלְט! – בַּיי 'דֶעם' הָאט עֶר אַ פָּנִים גֶעהַאט וִוי אַ 'סוֹחֵר'! אוּן בַּיי 'דֶעם' וִוי אַ 'אָרִימַאן', וְכוּ' כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]!

אוּן תֵּיכֶף אִיז עֶר נִמְלַט גֶעוָוארְן [אַנְטְלָאפְן] פוּן דָארְט (כְּלוֹמַר: עֶר אִיז גִיךְ [שְׁנֶעל] אַוֶועק פוּן זֵיי)!

וַיְהִי הַיוֹם! אוּן סְ'אִיז גֶעוֶוען אַ 'גִבּוֹר'! וָואס מִיט אִים הָאבְּן זִיךְ צוּם־אוֹיף־גֶענוּמֶען [צוּנוֹיפְגֶענוּמֶען] כַּמָה 'גִבּוֹרִים'! אוּן דֶער [דָאזִיגֶער] 'גִבּוֹר', מִיט זַיינֶע 'גִבּוֹרִים', אִיז גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט אָפְּגֶענוּמֶען 'מְדִינוֹת'!

אוּן דֶער 'גִבּוֹר', הָאט מֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט, נָאר 'הַכְנָעָה' (כְּלוֹמַר: מֶען זָאל זַיין אוּנְטֶערְטֶענִיג אוּנְטֶער אִים)! – אוּן אַז דִי 'מְדִינָה' פְלֶעגְט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעבְּן אוּנְטֶער אִים, פְלֶעגְט עֶר זֵיי צוּ לָאזְן [אָפְּלָאזְן] – אוּן אַז נִישְׁט, פְלֶעגְט עֶר זֵיי 'חָרוּב' צוּ מַאכְן!

אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט אַלְץ כּוֹבֵשׁ גֶעוֶוען (דְהַיְינוּ: אָפְּגֶענוּמֶען [אַיינְגֶענוּמֶען]) 'מְדִינוֹת'!

אוּן קַיין 'גֶעלְט', הָאט עֶר גָארְנִישְׁט גֶעוָואלְט! – נָאר 'הַכְנָעָה', אַז מֶען זָאל זַיין [אוּנְטֶערְטֶענִיג] אוּנְטֶער אִים!

אוּן דֶער שְׁטֵייגֶער פוּן דֶעם 'גִבּוֹר' אִיז גֶעוֶוען: [אַז] עֶר פְלֶעגְט שִׁיקְן אִין דֶער 'מְדִינָה' אַרַיין זַיינֶע 'גִבּוֹרִים', אַז [וֶוען] עֶר אִיז נָאךְ [זֵייעֶר] וַוייט גֶעוֶוען פוּן דֶער 'מְדִינָה', 'פוּפְצִיג מַייל': "אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעבְּן אוּנְטֶער אִים"! אוּן עֶר הָאט אַלְץ אָפְּגֶענוּמֶען 'מְדִינוֹת'!

אוּן דִי 'סוֹחֲרִים' פוּן דֶער 'מְדִינָה' פוּן 'עֲשִׁירוּת' הַנַ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט], וָואס זֵיי פְלֶעגְן צוּ הַאנְדְלְן אִין 'פְרֶעמְדֶע מְדִינוֹת', כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] – זֶענֶען דִי 'סוֹחֲרִים' אַהֵיימְגֶעקוּמֶען, אוּן הָאבְּן דֶערְצֵיילְט פוּן דֶעם 'גִבּוֹר'!

אִיז אוֹיף זֵיי גֶעפַאלְן אַ 'גְרוֹיסֶער פַּחַד'!

[אוּן] כָאטְשֶׁע זֵיי וָואלְטְן צוּגֶעשְׁטַאנֶען [מַסְכִּים גֶעוֶוען] זִיךְ אוּנְטֶערְצוּגֶעבְּן אוּנְטֶער אִים – נָאר זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט: "אַז עֶר אִיז מְמַאֵס [פַארְמִיאוּסְ'ט] 'גֶעלְט', אוּן עֶר וִויל גָאר קַיין 'גֶעלְט' נִישְׁט"! – אוּן דָאס אִיז בַּיי זֵיי גֶעוֶוען, אַקֶעגְן זֵייעֶר 'אֱמוּנָה'! – אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] הָאבְּן זֵיי זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אוּנְטֶערְגֶעבְּן אוּנְטֶער אִים! וָוארְן סֶע [סְ'אִיז] בַּיי זֵיי גֶעוֶוען אַזוֹי־וִוי 'שְׁמַד', וַוייל עֶר גְלֵייבְּט גָארְנִישְׁט אִין זֵייעֶר 'אֱמוּנָה', דְהַיְינוּ: אִין 'גֶעלְט'!

אוּן זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר 'מוֹרָא' גֶעהַאט פַאר אִים!

אוּן זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טָאן זֵייעֶרֶע 'עֲבוֹדוֹת', אוּן מַקְרִיב צוּ זַיין 'קָרְבָּנוֹת', צוּ זֵייעֶרֶע 'גָאטְן' (דְהַיְינוּ: צוּ דִי וָואס הָאבְּן פִיל 'גֶעלְט')!

אוּן הָאבְּן גֶענוּמֶען אַ 'חַיָה'לֶע' (דְהַיְינוּ: אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אַבִּיסְל 'גֶעלְט', וָואס עֶר אִיז בַּיי זֵיי אַ 'חַיָה' גֶעוֶוען), אוּן הָאבְּן אִים מַקְרִיב גֶעוֶוען פַאר אַ 'קָרְבָּן' צוּ זֵייעֶרֶע 'גָאטְן' (הַנַ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])!

אוּן אַזוֹי [וַוייטֶער] הָאבְּן זֵיי גֶעטָאן זֵייעֶרֶע 'אִיבְּרִיגֶע

עֲבוֹדוֹת' (דְהַיְינוּ: דִי זַאכְן וָואס זֵיי פְלֶעגְן דֶערְמִיט צוּ דִינֶען זֵייעֶרֶע 'גָאטְן')!

אוּן דֶער 'גִבּוֹר', אִיז אַלֶעמָאל נֶענְטֶער צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵיי! אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שִׁיקְן צוּ זֵיי זַיינֶע 'גִבּוֹרִים': "וָואס זֵיי וִוילְן" [צוּ זֵיי וִוילְן זִיךְ מַכְנִיעַ זַיין אוּנְטֶער אִים]?! אַזוֹי־וִוי זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז גֶעוֶוען, כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]!

אִיז אוֹיף זֵיי גֶעוֶוען אַ 'גְרוֹיסֶער פַּחַד', אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טָאן! הָאבְּן זֵיי דִי 'סוֹחֲרִים' זֵייעֶרֶע אַ 'עֵצָה' גֶעגֶעבְּן: "בַּאֲשֶׁר [אַזוֹי־וִוי] זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אִין אַ 'מְדִינָה', וָואס דִי גַאנְצֶע 'מְדִינָה' זֶענֶען אַלֶע 'גָאטְן', אוּן פָּארְן מִיט 'מַלְאָכִים'!

דְהַיְינוּ: יֶענֶע 'מְדִינָה', אִיז דִי גַאנְצֶע 'מְדִינָה', פוּן קְלֵיין בִּיז גְרוֹיס, זֶענֶען אַלֶע 'וִוילְד־גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים זֵייעֶר' – בִּיז דֶער 'קְלֶענְסְטֶער' פוּן דֶער 'מְדִינָה', אִיז אַ 'גָאט' – (וֶועדְלִיג [לוֹיט] זֵייעֶר 'נַארִישׁ פַארְפִירְטְקַייט' [פַארְבְּלָאנְדְזֶעטְקַייט] – וָוארְן דֶער 'קְלֶענְסְטֶער' פוּן דֶער 'מְדִינָה', אִיז אַזוֹי אַ [אַזַא] 'עוֹשֶׁר', אוּן הָאט אַזוֹיפִיל 'גֶעלְט', וִויפִיל בַּיי זֵיי אִיז אוֹיסְגֶעזֶעצְט [בַּאשְׁטִימְט] אַז מִיט 'אַזוֹיפִיל גֶעלְט' אִיז מֶען שׁוֹין אַ 'גָאט', כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])!

אוּן זֵיי פָּארְן מִיט 'מַלְאָכִים'! – וָוארְן זֵייעֶרֶע 'פֶערְד', זֶענֶען צוּגֶעדֶעקְט מִיט אַזוֹי אַ [אַזַא] 'גְרוֹיס עֲשִׁירוּת', מִיט 'גָאלְד', אוּן נָאךְ אַזוֹי אַ [אַזַא] גְלַייכְן – וָואס אַ 'דֶעק' פוּן אַ 'פֶערְד' (פוּן דֶער 'מְדִינָה'), טְרֶעפְט אָן וִויפִיל בַּיי זֵיי הָאט אַ 'מַלְאָךְ' (דְהַיְינוּ: מִיט [אַז וֶוען אֵיינֶער הָאט 'אַזוֹיפִיל גֶעלְט' וִוי אַ 'דֶעק' פוּן אַ 'פֶערְד' טְרֶעפְט אָן בַּיי דֶער 'מְדִינָה' – אִיז מֶען בַּיי זֵיי שׁוֹין מִיט אַזוֹיפִיל 'גֶעלְט' אַ 'מַלְאָךְ')!

נִמְצָא [קוּמְט אוֹיס]: פָּארְן זֵיי מִיט 'מַלְאָכִים' – [אַז] זֵיי שְׁפַּאנֶען אַיין 'דְרֵיי פָּאר מַלְאָכִים', אוּן פָּארְן מִיט זֵיי!

בְּכֵן [דֶערִיבֶּער]! בַּאדַארְפְט אִיר שִׁיקְן צוּ 'דֶער [דָאזִיגֶער] מְדִינָה' – אוּן זֵיי וֶועלְן אַייךְ בְּוַודַאי הֶעלְפְן – וָוארְן זֵיי זֶענֶען זִיךְ אַלֶע 'גָאטְן'"! (אַזוֹי אִיז אַלְץ גֶעוֶוען דִי 'עֵצָה' פוּן זֵייעֶרֶע 'סוֹחֲרִים')!

אִיז דִי 'עֵצָה' זֵיי זֵייעֶר גֶעפֶעלְן! – וָוארְן זֵיי הָאבְּן גֶעגְלֵייבְּט: "אַז זֵיי וֶועלְן בְּוַודַאי גֶעהָאלְפְן וֶוערְן דוּרְךְ 'יֶענֶער מְדִינָה'! וָוארְן זֵיי זֶענֶען זִיךְ דָארְט אַלֶע 'גָאטְן', כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]"! אוּן דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָה' הָאט זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען:

"עֶר וֶועט נָאכְאַמָאל גֵיין צוּ דֶער [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער] 'מְדִינָה' [פוּן עֲשִׁירוּת] – טָאמֶער וֶועט עֶר זֵיי פָּארְט אַרוֹיסְפִירְן פוּן זֵייעֶרֶע 'נַארִישְׁקַייט'"! אוּן עֶר אִיז אַהִינְגֶעגַאנְגֶען – אוּן עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ דִי 'שׁוֹמְרִים'!

אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט 'אֵיין שׁוֹמֵר', אַזוֹי־וִוי זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז! – הָאט אִים דֶער 'שׁוֹמֵר' דֶערְצֵיילְט פוּן דֶעם 'גִבּוֹר': "אַז זֵיי הָאבְּן גְרוֹיס 'פַּחַד' פַאר אִים"!

הָאט אִים דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָה' גֶעפְרֶעגְט: "וָואס הָאט אִיר בְּדֵיעָה צוּ טָאן"?!

הָאט אִים דֶער 'שׁוֹמֵר' דֶערְצֵיילְט דִי זַאךְ הַנַ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]: "אַז זֵיי וִוילְן שִׁיקְן צוּ דֶער 'מְדִינָה' וָואס זֵיי זֶענֶען אַלֶע 'גָאטְן' וְכוּ', כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]"!

הָאט דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָה' אוֹיס אִים זֵייעֶר גֶעלַאכְט [אִים זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלַאכְט]! – אוּן עֶר הָאט צוּ אִים גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז [דָאךְ] זֵייעֶר אַ 'גְרוֹיס נַארִישְׁקַייט'! – וָוארְן זֵיי זֶענֶען [נָאר] 'מֶענְטְשְׁן' אַזוֹי־וִוי מִיר (דְהַיְינוּ: דִי 'מְדִינָה' וָואס זֵיי הָאבְּן אַהִין גֶעוָואלְט שִׁיקְן [צוּ זֵיי], זֵיי זֶענֶען 'נָאר מֶענְטְשְׁן')! – אוּן אִיר אַלֶע מִיט אֵייעֶרֶע 'גָאטְן', זֶענֶען אַלֶע 'נָאר מֶענְטְשְׁן'! – אוּן סְ'אִיז קֵיינֶער [פוּן עֶנְק] קַיין 'גָאט' נִישְׁט! – סֶע [סְ'אִיז] מֶער נִישְׁט פַארְהַאנְדְן [פַארְהַאנֶען], נָאר 'אֵיין גָאט' אוֹיף דֶער וֶועלְט, דֶער וָואס הָאט אַלֶע בַּאשַׁאפְן! – אוּן 'אִים אַלֵיין' בַּאדַארְף מֶען נָאר צוּ דִינֶען! אוּן צוּ אִים בַּאדַארְף מֶען נָאר מִתְפַּלֵל זַיין!

און נָאר דָאס אִיז דֶער 'עִיקָר תַּכְלִית' אוֹיף דֶער וֶועלְט"!

און דֶעסְטְגְלַייכְן נָאךְ אַזוֹינֶע רֵייד, הָאט אַלְץ דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָה' גֶערֶעדְט מִיט דֶעם 'שׁוֹמֵר'! און דֶער 'שׁוֹמֵר' הָאט אִים אַלְץ נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט! – וָוארְן ס'אִיז שׁוֹין בַּיי זֵיי אַיינְגֶעזֶעצְט גֶעוֶוען זֵייעֶרֶע 'נַארִישְׁקַייט' [זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען אַיינְגֶעזִינְקֶען דֶערִין] פוּן אַ לַאנְגֶע צַייט, כַּנַ"ל [ווי אוֹיבְּנְדֶערמַאנְט]!

נָאר דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָה', הָאט אָבֶּער מִיט אִים אַסַאךְ גֶעטַעֲנֶה'ט! – בִּיז צוּם סוֹף הָאט דֶער 'שׁוֹמֵר' אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "ווייטֶער וָואס קֶען אִיךְ טָאן, אִיךְ בִּין זִיךְ [דָאךְ] נָאר אֵיינֶער [קֶעגְן אַלֶע אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דִי 'מְדִינָה' וָואס זֶענֶען אַסַאךְ]"?!

און 'דָאס' הָאט שׁוֹין אַ פָּנִים עֶפֶּעס פוּן אַ 'תְּשׁוּבָה' [עֶנְטְפֶער]! – [דְהַיְינוּ: אַז דֶער 'דָאזִיגֶער עֶנְטְפֶער', אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטִיקְל 'טְרֵייסְט' פַארְן 'בַּעַל־תְּפִילָה']! – וָוארְן [דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָה' הָאט פַארְשְׁטַאנֶען: אַז] דִי רֵייד וָואס דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָה' הָאט פְרִיעֶר גֶערֶעדְט מִיט דֶעם 'שׁוֹמֵר', און דִי רֵייד וָואס עֶר הָאט אִיצְט [יֶעצְט] גֶערֶעדְט – הָאבְּן זֵיי זִיךְ אִינְאֵיינֶעם צוּם־אוֹיף־גֶענוּמֶען [צוּנוֹיפְגֶענוּמֶען], בִּיז זֵיי הָאבְּן אִים עֶפֶּעס גֶערִירְט!

(וָוארְן דִי 'תְּשׁוּבָה' וָואס דֶער 'שׁוֹמֵר' הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס קֶען אִיךְ טָאן וְכוּ'"? – דָאס וַוייזְט אוֹיס: אַז דִי רֵייד פוּן דֶעם 'בַּעַל־תְּפִילָה', הַייבְּן שׁוֹין אָן עֶפֶּעס אַבִּיסְל אַרַיינְצוּגֵיין אִים אִין הַארְצְן אַרַיין)!

און אַזוֹי אִיז דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָה' גֶעגַאנְגֶען צוּם אַנְדֶערְן 'שׁוֹמֵר', און הָאט מִיט אִים אוֹיךְ גֶערֶעדְט אַזוֹי־ווִי זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז, כַּנַ"ל [ווי אוֹיבְּנְדֶערמַאנְט]! – און עֶר הָאט אִים אוֹיךְ נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט! – און צוּם סוֹף הָאט עֶר אִים אוֹיךְ אַזוֹי גֶעעֶנְטְפֶערְט כַּנַ"ל [ווי אוֹיבְּנְדֶערמַאנְט]: "אִיךְ בִּין זִיךְ נָאר אֵיינֶער [קֶעגְן אַלֶע אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דִי 'מְדִינָה'] וְכוּ'", כַּנַ"ל [ווי אוֹיבְּנְדֶערמַאנְט]!

און אַזוֹי [אוֹיךְ] אַלֶע [אַנְדֶערֶע] 'שׁוֹמְרִים', הָאבְּן אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט דִי [זֶעלְבֶּע] 'תְּשׁוּבָה' צוּם סוֹף!

דֶערְנָאךְ – אִיז דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָה' אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען [אַיינְגֶעוויינִיג] אִין 'שְׁטָאט' אַרַיין!

און הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן ווִידֶער מִיט זֵיי צוּ שְׁמוּעֶסְן, ווִי זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז גֶעוֶוען: "בַּאֲשֶׁר אַז זֵיי אַלֶע זֶענֶען גָאר אִין 'טָעוּת' זֵייעֶר, און דָאס 'גֶעלְט' אִיז גָאר קַיין 'תַּכְלִית' נִישְׁט! – נָאר דֶער 'עִיקָר תַּכְלִית' אִיז, אַז מֶען זָאל נָאר עוֹסֵק זַיין אִין 'תּוֹרָה' און 'תְּפִילָה' וְכוּ'"!

הָאבְּן זֵיי אִים נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט! – וָוארְן זֵיי זֶענֶען שׁוֹין אַלֶע, זֵייעֶר גֶעוֶוען אַיינְגֶעוָוארְצְלְט אִין דֶעם 'גֶעלְט' פוּן אַ לַאנְגֶע צַייט!

און זֵיי הָאבְּן אִים דֶערְצֵיילְט: "פוּן דֶעם 'גִּבּוֹר'! און אַז זֵיי ווִילְן שִׁיקְן צוּ דֶער 'מְדִינָה' וָואס זֵיי זֶענֶען אַלֶע 'גָאטְן' וְכוּ', כַּנַ"ל [ווי אוֹיבְּנְדֶערמַאנְט]"! הָאט עֶר אוֹיס זֵיי אוֹיךְ גֶעלַאכְט [זֵיי אוֹיךְ אוֹיסְגֶעלַאכְט] –

און עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: "אַז דָאס אִיז אַ 'נַארִישְׁקַייט'!

און [אַז] זֵיי זֶענֶען אַלֶע 'נָאר מֶענְטְשְׁן'! – און זֵיי וֶועלְן אַייךְ גָארְנִישְׁט קֶענֶען הֶעלְפְן! וָוארְן אִיר זֶענְט 'מֶענְטְשְׁן', און זֵיי זֶענֶען 'מֶענְטְשְׁן', און זֵיי זֶענֶען גָאר קַיין 'גָאט' נִישְׁט! – נָאר 'אֵיין גָאט בָּרוּךְ־הוּא' אִיז פַארְהַאנְדְן [פַארְהַאנֶען] וְכוּ'"!

און מִכֹּחַ [אוֹיף דֶעם זַאךְ פוּן] דֶעם 'גִּבּוֹר'! הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן (מִיט דֶעם 'לָשׁוֹן'): "אוֹיבּ סֶע [ס'אִיז] נִישְׁט דֶער 'גִּבּוֹר'"?! (אַזוֹי־ווִי אֵיינֶער פַארְוואוּנְדֶערְט זִיךְ: "אוֹיבּ דָאס אִיז נִישְׁט 'דֶער' וָואס עֶר ווייסְט")?!

הָאבְּן זֵיי נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר מֵיינְט! און אַזוֹי אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען פוּן אֵיינֶעם צוּם אַנְדֶערְן, און הָאט מִיט זֵיי אַלְץ אַזוֹי גֶעשְׁמוּעֶסְט, כַּנַ"ל [ווי אוֹיבְּנְדֶערמַאנְט]!

און מִכֹּחַ [אוֹיף דֶעם זַאךְ פוּן] דֶעם 'גִּבּוֹר' – הָאט עֶר צוּ אִיטְלֶעכְן גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ סֶע [ס'אִיז] נִישְׁט דֶער 'גִּבּוֹר' וְכוּ', כַּנַ"ל [ווי אוֹיבְּנְדֶערמַאנְט]"?!

הָאבְּן זֵיי נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען זַיינֶע רֵייד וָואס עֶר מֵיינְט!

# טַייעֶרְע בְּרֶסְלֶבֶ׳ע קִינְדֶער,
# מִיט תְּפִלָּה אִיז דִי וֶועג קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה
# אַזוֹי גְרִינְג!!!

״באשעפער, שטיי צו אונזער הילף מיר זאלן זוכה זיין צעברעכן אלע מניעות, זוכה זיין קומען צו די אמת׳ע צדיקים אויף ראש השנה און זיך מקשר זיין צו זיי מיט אן אמת, און זוכה זיין בשלמות צו ריינע געדאנקען און מחשבות.״





נאמ: ______________

# לאמיר זיך פארהערן



## די צוועלעוועטע מעשה - דער בעל תפילה (4)

**א. וויאזוי פלעגט די וועלט רופן דעם בעל תפלה?**
- ☐ דער מלאך אלוקים
- ☐ דער פרומער בעל תפלה
- ☐ דער צדיק הדור

**ב. וואס האט דער גבור געוואלט?**
- ☐ כבוד,אז מ׳זאל אים מכבד זיין
- ☐ געלד, אז מ׳זאל אים געבן זייער געלד
- ☐ הכנעה, אז מ׳זאל זיך אונטערטעניגן אונטער אים

**ג. פארוואס האבן די מענטשן פון מדינה של עשירות זיך נישט געקענט מכניע זיין צום גבור?**
- ☐ ווייל ער איז ממאס געלד און דאס איז קעגן זייער אמונה
- ☐ ווייל ער איז ממאס תאוות און דאס איז קעגן זייער אמונה
- ☐ ווייל ער איז ממאס כבוד און דאס איז קעגן זייער אמונה

**ד. וואספארא עצה האבן זייערע סוחרים געגעבן פאר זיי?**
- ☐ אז זיי זאלן אנטלויפן
- ☐ אז זיי זאלן זיך מכניע זיין
- ☐ אז זיי זאלן שיקן שליחים צו די מדינה וואס אלע האבן אזויפיל געלד וואס לויט זייער שיטה זענען זיי אלע גאטין - אז זיי זאלן זיי העלפן

**ה. וואס האט דער שומר פון מדינה של עשירות געזאגט צום בעל תפלה ווען ער איז נאכאמאל געקומען צו זיי?**
- ☐ אז זיי האבן גארנישט מורא פונעם גבור
- ☐ אז זיי ווילן תשובה טוהן און פאר׳מיעוס׳ן געלד
- ☐ אז זיי האבן מורא פונעם גבור און זיי ווילן שיקן שליחים צו די מדינה וואס אלע זענען דארטן (לויט זייער שיטה) גאטין

**ו. וואס האט דער בעל תפלה געענטפערט?**
- ☐ ער האט אים זייער אויסגעלאכט און געזאגט אז ס׳איז א גרויסע נארישקייט אז זיי זענען גאטין
- ☐ ער האט זייער געוויינט און גארנישט געזאגט
- ☐ ער האט זייער געקרעכצעט און איז אוועק געגאנגען

**ז. וואס נאך האט זיי דער בעל תפלה געזאגט?**
- ☐ עס איז נאר דא איין גאט אויף דער וועלט
- ☐ אז נאר דעם אייבירשטן דארף מען דינען און צו אים דארף מען דאווענען
- ☐ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ח. וואס האט דער שומר צום סוף געענטפערט?**
- ☐ וואס קען איך טוהן איך בין דאך נאר איינער
- ☐ וואס קען איך טוהן איך טראכט אנדערש
- ☐ וואס קען איך טוהן איך וויל נישט הערן

**ט. וואס האט דער בעל תפלה פארשטאנען פון די ענטפער?**
- ☐ אז זיינע ווערטער האבן נאך גארנישט אויפגעטון ביי די מענטשן
- ☐ אז זיינע ווערטער האבן שוין אינגאנצן אויפגעטון ביי די מענטשן
- ☐ אז זיינע ווערטער האבן שוין עפעס אביסל אויפגעטון ביי די מענטשן

**י. וואס האט זיי דער בעל תפלה געזאגט וועגן דעם גבור?**
- ☐ אז ער איז נישט אזא גבור
- ☐ אויב איז עס נישט דער גבור ?! (אזיווי איינער וואס וואונדערט זיך)
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יא. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ☐ יא
- ☐ ניין
- ☐ א חלק



### טיפער געדאנק

די שומרים פון די מדינה של עשירות האבן פארשטאנען וואס דער בעל תפילה האט מיט זיי גערעדט?

### תשובות פון פאריגע וואך

וויפיל מאל ווערט דערמאנט אין די מעשה וואס מיר האבן געלערנט לעצטע וואך דאס ווארט "געלט"?
38 מאל

**געווינער אויף בעל תפלה 3 איז הילד החשוב בנימין זילבער בית שמש כתה ה'**

צו ענטפערן די בחינות און ארייגגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040



## דעם רבינ'ס משלים

# פַארְבָּארְגֶענֶע װֶועגְן

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל אַרוּמְגֶערֶעדְט אִיבֶּער דֶער עִנְיָן וִויאַזוֹי דֶער בַּאשֶׁעפֶער פִירְט דִי וֶועלְט מִיט פַארְבָּארְגֶענֶע דְרָכִים, וָואס מֶען קֶען עֶס מִיט קַיין שׁוּם שֵׂכֶל נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער אַן אֶרִימַאן מִיט אַ קִינְדֶער גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע שְׁטוּבּ, וֶועלְכֶער פְלֶעגְט דִינְגֶען אַ קְרֶעטְשְׁמֶע פוּנֶעם פָּרִיץ אוּן פְלֶעגְט זִיךְ דֶערְפוּן שְׁפַּייזְן, אַזוֹי הָאט זִיךְ עֶס גֶעצוֹיגְן פַאר יָארְן, וֶוען יֶעדֶעס מָאל נָאכְן עֶנְדִיגְן דִי דְרַיי יָאר הָאט דֶער פָּרִיץ גֶעלָאזְט אוֹיסְרוּפְן אַז דִי קְרֶעטְשְׁמֶע שְׁטֵייט גְרֵייט צוּ פַארְדִינְגֶען, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז קֵיינֶער אֲפִילוּ דִי גוֹי'שֶׁע שְׁכֵנִים הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט דִינְגֶען דִי קְרֶעטְשְׁמֶע אוּן זַיין אַן אֶרֶענְדַאר וִויסְנְדִיג אַז דֶער אִיד אִיז אַ בִּיטֶערֶער אֶרִימַאן וֶועלְכֶער דַארְף שְׁפַּייזְן זַיין קִינְדֶער-גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע מִשְׁפָּחָה, הָאבְּן אַלֶע אַלְס רַחֲמָנוּת אִים נִישְׁט גֶעטְשֶׁעפֶּעט.

אֵיין יָאר אָבֶּער, אִיז גֶעקוּמֶען אֵיין אִיד אוּן גֶעלָאזְט זִיךְ הֶעכֶערְן דִי צָאלוּנְג פַאר דֶער קְרֶעטְשְׁמֶע אוּן עֶס אִיז אִים גֶעלוּנְגֶען צוּ דִינְגֶען פוּנֶעם פָּרִיץ דִי קְרֶעטְשְׁמֶע. קַיין צְוֵויי בְּרֵרוֹת הָאט דֶער אֶרִימַאן נִישְׁט גֶעהַאט, נָאר צוּ שְׁטֵיין אוֹיף דִי קֶעלְט טִיף אִינֶעם וִוינְטֶער מִיט זַיינֶע קְלֵיינֶע קִינְדֶער וֶוערְנְדִיג אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן זַיין קְרֶעטְשְׁמֶע.

דֶער צְוֵוייטֶער אִיד וָואס הָאט גֶעדִינְגֶען דִי קְרֶעטְשְׁמֶע הָאט פַאר יָארְן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער, אוּן יֶענֶעם יָאר וָואס עֶר הָאט גֶעדִינְגֶען דֶעם קְרֶעטְשְׁמֶע אוּן צוּגֶענוּמֶען דִי פַּרְנָסָה פוּנֶעם אֶרִימַאן אִיז אִים גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַ בֶּן-זָכָר. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ וואוּנְדֶער פַאר אַלֶעמֶען, אַז נִישְׁט נָאר וָואס עֶר הָאט אֶפְּגֶעטוּן אַזַא עַוְלָה פַארְן אֶרִימַאן, הָאט עֶר נָאךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ יוּנְגְל נָאךְ אַזוֹיפִיל יָארְן וַוארְטְן אוֹיף קִינְדֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעעֶנְדִיגְט דִי מַעֲשֶׂה אוּן גֶעזָאגְט: "אוּן אַזוֹי פִירְט גָאט דִי וֶועלְט!".

פוּן דִי מַעֲשֶׂה זֶעט מֶען אַז מֶען קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דִי פַארְבָּארְגֶענֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע וֶועגְן פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן וֶועלְכֶע אִיז הֶעכֶער פוּן אוּנְזֶער פַארְשְׁטַאנְד.

[סְ'אִיז זִיכֶער אַז דֶער צְוֵוייטֶער הָאט גֶעטוּן אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע אוּמְרֶעכְט. דֶער רֶבִּי וִויל אוּנְז נָאר לֶערְנֶען אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט פְּרוּבִּירְן צוּ פַארְשְׁטֵיין אַלֶעס וָואס קוּמְט פָאר אוֹיף דֶער וֶועלְט.]

